# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:15

מוצאי שב"ק....................9:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........................ירמיה ד׳-ה׳

בבלי.........................שבת ק"ו

ירושלמי......................יומא י"ט

תוספתא......................שבת י"א

רמב"ם.........................אבל ז׳


פרשת שלח, כ"ח סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג׳, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 39 (453)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### ה׳ אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד נֹשֵׂא עָוֹן וָפָשַׁע וְנַקֵּה

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ מִדְזִיקוֹב זי"ע בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "עַטֶרֶת יְהוֹשֻׁעַ", אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן וִויעֶן, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי יֶעדְן טָאג רֵיינִיגְט מֶען דִי גַאסְן, הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעטוּן דֶעם רֵיינִיגֶער, "פַארְוָואס דַארְף מֶען רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג דִי גַאסְן?", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "רַאבִּינֶער, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁמוּץ אִין גְרוֹיסְן... אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן..." הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן פַארְ'ן גַבַּאי'ן, "דוּ הֶערְסְט וָואס דֶער רֵיינִיגֶער זָאגְט? אַז מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֵיינִיגְן כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאמְלֶען דִי שְׁמוּץ, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן".

אַזוֹי דַארְף אַ אִיד יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיין עָבַר, כְּדַאי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם זַאמְלֶען אוֹיף אֵיינְמָאל דִי אַלֶע שְׁמוּץ מֶען זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען רֵיינִיגְן.

זֶעט פוּן דֶעם וִוי אַ אִיד דַארְף מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן.

זָאלְסְט וִויסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען הִתְחַדְשׁוּת אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע, דַארְף מֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אוּן קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה וְכוּ׳ וְכוּ׳. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ מַאכְן יֶעדֶעס מָאל אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, דֶעמָאלְט גֵייט דִי לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ יִאוּשׁ אוּן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז גָאר קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ עֶס אִיז קַיין יִאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנֶען.

אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, מִיטְ'ן נָאמֶען הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדוּנֶער זַ"ל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאר פוּן זִינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן 'גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ', אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל וָואס עֶר שְׁרֵייט 'גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ זַיין, אוּן זָאלְסְט מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ מִכְתָּב פ׳)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְ'אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעווִיסֶע שְׁוֶועריקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ שִׁידוּךְ וָואס דֶער שִׁידוּךְ אַלֵיינְס גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר, אָבֶּער הֱיוֹת עֶר דַארְף גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ ווִיל עֶר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ אִין יֶענֶעם אָרְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קלט): "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ טְרֶעפְן דָאס פְּלַאץ וואוּ אִימֶער עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ."

ווִי קֶען מֶען זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען וְכוּ׳? אִיךְ קֶען דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, אִים בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט - דִי עֵצָה קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח), דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער דַאוְונְט מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער פוּן 'וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע תְּפִילָה"; וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צוּ אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועזֶענֶער חַסִידִישֶׁער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אִינֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ בְּעִיקָר גֶעהֶערְט נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט נָאךְ עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אִיךְ גְלוֹיבּ אַז ס׳אִיז דָא נָאךְ עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פַאר דִי אַלֶע אַזוֹי וִוי מִיר וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי אַנְדֶערֶע עֵצוֹת זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן ׳הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט פַאר דִיר׳? וָואס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז? עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה צוּ דַאוֶועגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ נֵייעֶ זַאךְ וָואס בְּרֶסְלֶב הָאט עֶרְפִינְדְן; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א-ב): ״עִיקַר הַתְּפִלָּה הוּא מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה״, דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה, ״שֶׁיִּתְפַּלֵּל הָאָדָם וִיבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כָּל מַה שֶּׁהוּא צָרִיךְ״, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְהוּא יָכוֹל לְדַבֵּר אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל שָׂפָה שֶׁרַק יָכוֹל״, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סֵיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, ״כִּי מִצְוַת עֲשֵׂה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם״, אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג. ״וְאֵין לַתְּפִלָּה זְמַן קָבוּעַ מִן הַתּוֹרָה״, תְּפִילָה הָאט נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, ״וּלְפִיכָךְ נָשִׁים וַעֲבָדִים חַיָּבִין בִּתְפִלָּה, לְפִי שֶׁהִיא מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁלֹּא הַזְּמַן גְּרָמָא״, דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט אִין אַ צַייט, דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן אוּן קְנֶעכְט אוֹיךְ מְחוּיָּב מִיט תְּפִילָה.

אַ אִיד שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער: ״הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז״; הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִילָה דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען. דִי נוּסַח הַתְּפִילָה לוֹיט וָואס מִיר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - הָאבְּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָלוּת, וִוי דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם נוּסַח הַתְּפִילָה, אָבֶּער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף טוּן.

אֶפְשָׁר מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ? אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס אִיז דָאס הִתְבּוֹדְדוּת - אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז; אֶפְשָׁר הָאסְטוּ דָאס נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוּן מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וֶוערְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם זִיסְן טַעַם וָואס מֶען וֶועט שְׁפִּירְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶעמֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): ״עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה״, מָשִׁיחַ׳ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, ״וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ – הַכֹּל מִשָּׁם״, אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): ״כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳״; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): ״כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן״; קֶענְסְטוּ דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ שׁוֹין שְׁפִּירְן וִוי מָשִׁיחַ אִיז דָא.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי אַלְטֶע זַאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער צוּ אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ צוּקוּמֶען צוּ תְּפִילָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא): ״עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל״, דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס; ״לְכָל טוּב״, צוּ אַלֶעס גוּטְס, ״לְתוֹרָה״, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ״וַעֲבוֹדָה״, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת״, צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, ״וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת״, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, ״וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת״, אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תש״פ)

>>>>>>

דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען וִויל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריִקֵייטְן אוֹיפְ׳ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי ״מְנִיעוֹת״, דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ ״נְעִימוּת״, צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כב) ״וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק״, דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ״י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ׳ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### עֶס אִיז דָא אַ וֶועג

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת׳דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה״, בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער וָוארְט ״קֶבַע״ קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה״, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע׳גַנְבְ׳ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶּער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ׳גַנְבְ׳עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא לה:) ״הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים״ - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט

<<<<<<

>>>>>>

נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַּארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִיק זוֹכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוֹכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחִיּוּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵל הָאט גֶעעֶפֶנְט אַ וֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶערִיג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריִקְייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ב' מְלַמֵּד, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים.

אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵייל אִיךְ זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וִוי אַזוֹי זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'. ס'זֶענֶען אָבֶּער דָא קִינְדֶער וָואס זָאגְן מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וַוייל ס'אִיז צוּ שְׁרֶעקֶעדִיג.

פוּן אֵיין זַייט קֶען דָאס זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִיזוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין אַז הָאבְּן טַאקֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת פוּן דֶעם בַּיינַאכְט, אַז אֶפְשָׁר וֶועט זֵייעֶר טַאטֶע שְׁטַארְבְּן וְכַדוֹמֶה. זָאל אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער אָדֶער נִישְׁט?

*יְיַשֵּׁר כֹּחַ*

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן נִפְטָר וֶוערְן זָאלְסְטוּ זֵיי דָאס אַרָאפְּלֵייגְן אָן קַיין פַּחַד אוּן שְׁרֶעק; וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁטַארְבְּן, גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶעם גוּף לֵייגְט מֶען אִין דֶער עֶרְד אוּן דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה - דַאן גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֶצֶם זַאךְ פוּן שְׁטַארְבְּן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו); שְׁרֶעקֶעדִיג אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אָן קַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אַז אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל נַאקֶעט אָן קַיין תּוֹרָה, אָן קַיין מִצְוֹת אוּן אָן קַיין גוּטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס כַאפְּן נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל דָאס לֶערְנֶען, זֵיי זָאלְסְטוּ מְקָרֵב זַיין. אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט גְלַייךְ לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; זֵיי זָאלְסְטוּ אוּנְטֶערְקוֹיפְן מִיט גוּטֶע זַאכְן בִּיז זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס קוֹיפְט אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן עֶר דְרֵייט אַרוּם מִיט זֵיי בִּיז זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדַקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישְׁלֶעךְ, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכַדוֹמֶה, אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלֵייסִיג.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תש"פ)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער זֶענֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף וָואס הַאלְט זִיךְ אָט אָט בַּיים דֶערְטְרִינְקֶען.**

דֶערְנָאךְ הָאט ר' יִצְחָק גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוְונְט, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער גֶעזָאגְט, "יֶעצְט דַארְפְסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, זָאג נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע דְרֵיי בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְכוּ'". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "נֶעם אַלֶע גֶעלְטֶער בִּיז דִי לֶעצְטֶע פְּרוּטָה אוּן צֶעטֵייל עֶס אוֹיף צְוֵויי. הַאלְבּ זָאלְסְטוּ אָנְבִּינְדֶען אוֹיף דַיין קֶערְפֶּער, אוּן דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבּ וֶועל אִיךְ אָנְבִּינְדֶען אוֹיף מִיר". ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, "פַארְוָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס? דִי פִישׁ אִין יַם קֶענֶען אוּנְז אַיינְשְׁלוּנְגֶען אוֹיךְ אָן דִי גֶעלְט", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער גֶעזָאגְט, "טוּ וָואס אִיךְ הֵייס דִיר! דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואסֶער אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ אוֹיף אַ שִׁיף". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן, אוּן זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיטְ'ן גַארְטְל אוֹיפְ'ן פֶּעלְץ, אוּן דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי מְ'גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וֶועג.

ר' יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אִיךְ בִּין אִין אַזַא פַּאנִיק, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייניג אִין סִידוּר, אָבֶער דֶער רֶבִּי קֶען דָאךְ יָא דַאוֶוענֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר'ן כְּלַל אוּן פַאר'ן פְּרַט, פַארְוָואס בֶּעט דֶער רֶבִּי נִישְׁט יֶעצְט?". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מוֹחִין דְקַטְנוּת, אִיךְ בִּין דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיין עֵצָה אִיז יֶעצְט, וַוייל כְ'הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אוּן צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אִין וָואס מִיר זֶענֶען, מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אִין גָאר אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן אִיךְ זִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, אָבֶער צוּלִיבּ דִי גֶעפֶערְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען בִּין אִיךְ גֶעצְוְוינְגֶען דָאס מָאל יָא צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין זְכוּת פוּן מַיין זֵיידֶע רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ, אוּן דִי זְכוּת פוּן מַיין בַּאבֶּע אָדְל ע"ה, אוּן דִי זְכוּת פוּן מַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זִי"עַ. אוּן מֶער פוּן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט.

פָאְרְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **גדלי' דוד בלום** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## "25 מיליאן פרוטה'לעך" קאמפיין - דעם זונטאג און מאנטאג

שטייענדיג בלויז א טאג צוויי אפגערוקט צום גרויסארטיגן "25 מיליאן פרוטה'לעך" קאמפיין, וואס וועט לויפן פאר בלויז 36 שעה, דעם זונטאג און מאנטאג, כ"ט-ל' סיון, וואקסט די שפאנונג ביי אנשי שלומינו בפרט און ביי אידן בכלל זיך אנצושטרענגען אריינצוברענגען ווי מער געלט צום קאמפיין, און מיט דעם ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

פון אלע עקן וועלט קומען אריין רופן פון אידישע קינדער וואס ווילן ביישטייערן צו די הייליגע מוסדות, וויסנדיג וויפיל דער ראש ישיבה שליט"א האט געטון פאר זיי און פאר אזויפיל אידן, אריינגעברענגט אין זיי א ליבשאפט צו אידישקייט, זיי געוויזן א וועג אז זיי קענען אויך זיין ערליכע אידן, און ווי אזוי זיי קענען מצליח זיין סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

במשך די וואך איז געווען יעדע נאכט קלענערע מסיבות אין אלע היימישע געגענטער, ארויסצואווייזן הכרת הטוב פאר די אלע חשובע אינגעלייט וועלכע האבן זיך אונטערגענומען א ציל אריינצוברענגען שיינע סכומים פאר'ן יעצטיגן קאמפיין.

מ'קען הערן אלע אפדעיטס איבער'ן קאמפיין, מיט אינטערוויוס, דרשות, נייעס, און נאך, דורכ'ן רופן "קול ברסלב", און דרוקן נומער 8. אויך קען מען זיך דארט פארבינדען צום אפיס פון קאמפיין צו מנדב זיין אדער ארויסצוהעלפן דעם קאמפיין. מ'קען שוין מנדב זיין פאר'ן קאמפיין אויפ'ן לינק **charidy.com/breslev**

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז דער קאמפיין וועט געקרוינט ווערן מיט הצלחה, צו קענען אביסל פארגרינגען די שווערע לאסט וואס הויערט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א צו קענען דעקן די פילע הוצאות.

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

***

## שמחת פדיון הבן ביים ראש ישיבה שליט"א

די פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען א הערליכע שמחת פדיון הבן, פאר'ן בן הבכור פון מו"ה שלמה ראטה הי"ו, א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א.

די שמחה איז פארגעקומען אין בית המדרש פונעם גרויסן זיידן הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, מיט די באטייליגונג פון אלע קרובי המשפחה און אנשי שלומינו. א שיינע סעודה איז סערווירט געווארן, און דער פדיון איז אפגעהאלטן געווארן מיט גרויס דערהויבנקייט.

די הונדערטער באטייליגטע האבן זיך צוגעהערט צו די דברות הקודש פונעם זיידן הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, וואס האט בתוך הדברים ארויסגעברענגט זיין התרגשות מיטצוהאלטן אזא שמחה ביי אזא חשובער אייניקל וואס איז מקרב אזויפיל אידישע קינדער לאביהם שבשמים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

**שמחה ונחת לרוב!**

***

## אוקריינע עפנט די גרעניצן מיט אמעריקע

מיט פרייד איז געווארן אויפגענומען די גוטע נייעס אז די וואך האט אוקריינע געעפנט די גרעניצן פון אמעריקע, זיי ערלויבן שוין אריינצוקומען צו זיי אין לאנד פון אמעריקע, דערווייל איז עס אבער נאר בתנאי אז מ'שפארט זיך דארט איין פאר צוויי וואכן.

דאס איז גאר גוטע נייעס פאר אזויפיל אמעריקאנע אידן וואס ווילן פארן צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן בקרוב ווערן אראפגענומען אלע באגרעניצונגען.

**איש בל יעדר!**

***

## מעמד "ש"ס איד" - סיום מסכת שבת

איינע פון די זאכן וואס איז גאר שטארק ביי אנשי שלומינו, איז דאס לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא חק ולא יעבור, עס איז נישטא אזא זאך אז ס'זאל דורכגיין א טאג אן לערנען דעם טעגליכן דף הקהלה.

יעצט האלט מען אינמיטן מסכת שבת, וואס מ'גייט אי"ה ענדיגן דעם זומער, און מ'גרייט זיך אויף גאר א שיינעם סיום, מעמד "ש"ס איד", ווען אלע אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאמקומען זיך צו פרייען אז מ'איז זוכה צו זיין א "ש"ס איד", אז מ'עפנט יעדן טאג אויף די הייליגע גמרא.

דער מעמד ווערט פארקומען זונטאג פרשת ראה, מער דעטאלן איבער'ן מעמד וועט נאכפאלגן אי"ה.

**נגיל ונשיש בזאת התורה!**

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו**

**צו די שמחה פונעם געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## פרוטה'לעך קאמפיין

**נייעס, אפדעיטס, שיעורים,**

**אינטערוויוס, חיזוק קאלס, און נאך.**

הערט אויס, זייט אייך מחי', און העלפט ארויס דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען ווייטער אנגיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

קול ברסלב

**212-444-9191 8**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**